איהם מאכען קאנצעסיעס אינ'ם טשעכישען סכסוך, וואס מ'וועט איינטיילען דאס לאנד אויף קאנטאנען און געבען די סודעטען-דייטשען די ברייטסטע אויטאנאמיע, אז ס'וועלען באלד ארויסקומען נייע פאדערונגען פון אנ'אומגעזעטיגטען הערשער אפעטיט, וועלכע וועלען ווייטער האלטען די וועלט אין דערזעלביגער קאשמאר-פאניק, וואס לאזט נישט רעגולירען די ווירקליכקייט און נארמאליזירען דעם טאג טעגליכען לעבען, ווייל מ'געפינט זיך תמיד אין דער הויכער טעמפעראטור פון מלחמה-פיבער.

פארוואס-זשע, פרעגט זיך, האט די גאנצע וועלט מורא פאר א יחיד? אלע מיליטערישע און פאליטישע ספעצען שטעלען פעסט אין איין קול, אז דייטשלאנד קען זיך איצט נישט שלאגען, ווייל זי איז סיי נומעריש און סיי פינאנציעל שוואכער פון איהר'ע געגנערס און מ'קען דאך זעהן מיט אנ'אומבעוואפענט אויג, אז אויב זי זאל האבען ענטגעגען זיך ענגלאנד, פראנקרייך, אמעריקא און ראטען-פערבאנד, פליוס א גאנצע רייהע קליינע מלוכות, ווי טשערטשיל, למשל, קאנסטאטירט איז דער אויסגאנג פון צוזאמענשטויס שוין פאראויס א בעשטימטער, בפרט, אז אינ'ם פראצעס פון דער מלחמה גופא קענען געמאכט ווערען די צוגרייטונגען, ווי מ'ווייס פון דער פראקטיק, האבענדיג דערצו אומאויסשעפליכע קוואלען פון רויה-שטאפען, גאלד און... הארמאטען-פלייש, וואס-זשע איז די מורא?

נאר ווידער דאסזעלביגע: דער כוח פונ'ם יחיד ליגט טאקע דערין, וואס ער איז א יחיד און קען גיך ווי א בליץ אננעמען זיינע דעציזיעס און אויספיהרען זיי.

אין דער פריהערדיגער מלחמה זענען די דייטשע פולקען אין משך פון עטליכע שעה שוין געווען אויף דער בעלגישער טעריטאריע, כמעט הינטער פאריז, בעת די געגנערס האבען אליין זיך געשלאגען מיט דער דעה, צי זיי זאלען זיך געהן שלאגען מיט'ן שונא. ענגלאנד איז צוגעטרעטען צו דער מלחמה ערשט אין עטליכע טעג שפעטער, און ס'איז שוין פעסטגעשטעלט געווארען, אז ווען ענגלאנד וואלט זיך פריהער דעצידירט דערויף, וואלט דייטשלאנד זיך אבגעהאלטען און די גאנצע מלחמה וואלט נישט פארגעקומען. איטאליע האט זיך געוואקעלט צווישן די נייטראלע מלוכות און דער קאאליציע און האט ערשט אין א וואך ארום בעשלאסען ברעכען איהר אבמאך. אמעריקא האט דריי יאהר געלאזט אייראפע אבגעהן מיט בלוט, דערביי געמאכט געשעפטען און צוגעשטעלט אמוניציע ביידע צדדים ביז זי איז אליין געווארען אונזיכער אויפ'ן אטלאנטיק מיט די דייטשע או-שיפען, ערשט דאמאלס איז זי ארויס און געהאלפען געבען דעם געגנער דעם דעצידירענדען קלאפ. רומעניע האט א פאר יאהר געווארט, ביז זי האט זיך ענטשלאסען שטעלען זיך אויף איין צד. און רוסלאנד – זי האט נישט אויסגעהאלטען די נערווען-אנשטרענגונג, אינמיטען דער מלחמה געעפענט דעם פראנט, דאס מיליטער איז אין שטיקער צופאלען געווארען, ווי א צופוילטער גוף און זי האט געשלאסען מיט דייטשלאנד דעם שענדליכען בריסקער שלום.

היינט זאגט מען, אז די פעלקער האבען בעשלאסען געגען דייטשלאנד אנ'ענטשידענעם ווידערשטאנד. אבער ווער ווייס, ווי ס'וועט אויסזעהען אין דער ווירקליכקייט, בשעת ס'וועט אויסשלאגען די שעה פונ'ם וועלט-גורל? ווי לאנג ס'וועט דויערען אנצושטעלען די שווערע דעמאקראטישע מאשינקעס ביז זיי זאלען זיין בכוח צו פערמעסטען זיך מיט'ן גיך שיסענדיגען ווילען פונ'ם יחיד?

דערצו זענען די מאסען אין די דעמאקראטישע לענדער נישט דערצויגען מיליטאריסטיש און זיי האבען נישט געגעבען קיין מאנדאט זייערע אויסדערוועהלטע אין די פארלאמענטען, צו שפעקולירען מיט מענשליך בלוט אויפ'ן פאליטישען יריד און ווי ס'זאל שפעטער נישט אויספאלען דער רעזולטאט פון דער מלחמה, קענען די רעגירערס ביי זיך נישט פועלן מיט'ן גרינגען הארץ צו שיקען אויפ'ן פייער מיליאנען יונגעלייט, אבגעריסענע פון ווארשטאטען, שול-בענק און פולטען, און אנפילען מיט זיי די בית עלמינס, שפיטעלער און אינוואלידען הייזער, בעת דער מושל יחיד האט זיין יוגענד מיליטאריזירט, אויסגעמושטירט, נאך ביי דער מוטערס ברוסט זיי אויסגעקליידט אין כאקי, מיט שליפעלעך אויף די אקסלען, און געלאזט צוזאמען מיט'ן זויגען די מוטער מילך, איינזאפען די בלוטיגע אינסטינקטען פון דער ספעציפישער דערציהונג און „צופאסונג".

אט דאס איז דער כוח פונ'ם יחיד און דערפאר די מורא פונ'ם רבים.

פ. ק.

# אנטי-יודען-העצע אין פינלאנד

(א בריף פון העלסינגפארס)

אויך אין פינלאנד איז איצט מיטאמאל אקטועל געווארען די יודען-פראגע. הגם אין גאנץ פינלאנד לעבען אינגאנצען ארום צוויי טויזענד יודען, מערקען זיך דא לעצטענס זעהר שטארק די אנטיסעמיטישע שטימונגען. די אנטיסעמיטישע פרעסע נוצט אויס דעם אנקומען פון איבער הונדערט יודישע פליטים קיין פינלאנד, כדי צו העצען געגען די יודען. אין דער פרעסע ווערט געפיהרט א פאלעמיק וועגען די יודישע פליטים און פיעלצאהליגע ארגאניזאציעס און פעראיינען, ווי דער האנדווערקער-פערבאנד, סוחרים-פערבאנד א. א. האבען אבגעגעבען דער רעגירונג מעמאראנדומס מיט דער פאדערונג נישט נאר נישט אריינלאזען נייע יודישע פליטים קיין פינלאנד, נאר ארויסשיקען די יעניגע, וואס לעבען שוין דארטען. דער ערשטער שעיר לעזאזל דערפאר, וואס אין פינלאנד זענען געקומען און לעבען 100 יודישע פליטים, זענען די ארטיגע יודען און די יודישע קהלה. צו דער יודישער קהלה קומט מען מיט טענות, הלמאי זי האט „אימפארטירט" דייטשע און עסטרייכישע יודען און פארוואס זי זארגט נישט דערפאר, זיי זאלען וואס גיכער אוועקפאהרען.

אין צווישען די אנטיסעמיטישע שטימונגען און פאלעמיק קלינגען ווי א קול אין מדבר די פראטעסטען פון די 3 פינלענדישע ווירטשאפטלער – די פראפעסארען הירן, עריך הארנבארג און האנס רואין. די דריי פראפעסארען פראטעסטירען עפענטליך דורך דער ארטיגער שוועדישער פרעסע געגען דעם בעשלוס פון דער פינלענדישער רעגירונג צוריקצושיקען קיין דייטשלאנד די 55 אומגליקליכע יודישע פליטים, וועלכע זענען געקומען אהער מיט'ן דאמפער „אריאדנע".

„פינלאנד – זאגען די פראפעסארען אין זייער פראטעסט – וועלכע איז א לאנגע צייט אליין געווען אונטערדריקט, טאר זיך נישט דערלויבען אזא בעציהונג צו אומגליקליכע גערודפ'טע מענשען.

א קליינע נאציע וואלט פיעל מעהר אימפאנירט פאר דער עפענטליכער מיינונג פון דער וועלט, ווען זי וואלט אריינלאזען די 55 אומגליקליכע און נישט צוריקשיקען זיי – אפשר אויף א זיכערען טויט.

עס זענען פערשטענדליך די מאסנאמען פון דער רעגירונג, כדי צו פערמיידען די מאסען-איינוואנדערונג פון פליטים קיין פינלאנד, אבער אין דעם פאל האט מען זיי, די 55 מאן, געמוזט אריינלאזען, בפרט נאך, ווען זייערע דאקומענטען זענען געווען אין ארדנונג".

צווישען דער יודישער בעפעלקערונג איז נאך אלץ די הויפט-טעמע דער גורל פון די 55 יודען. דער דאמפער „אריאדנע" האט זיי צוריק אבגעפיהרט קיין שטעטין, וואו מען האט זיי נישט אראבגעלאזט אויפ'ן ברעג, אויפ'ן דאמפער האט מען זיי אויך נישט געלאזען זיין און ווי מען גיט איבער וואלגערן זיי זיך ערגיץ וואו אין א ליידיגען לאגער אין האפען-ראיאן. ארויסלאזען וועט מען זיי פון דארטען נאר דאן, ווען זיי וועלען ערגיץ וואו אוועקפאהרען, ווייל אלע האבען געגעבען שריפטליכע פערפליכטונגען מעהר נישט צוריקצוקומען אין דריטען רייך.

דער בעשלוס פון דער פינלענדישער רעגירונג ארויסצושיקען די 55 יודישע פליטים האט צושיידט מעהרערע פאמיליעס. א טייל פון דער פאמיליע, וועלכע איז געקומען א וואך פריהער צוזאמען מיט די 60 פליטים און איז אראבגעלאזען געווארען אין העלסינגפארס, געפינט זיך אין פינלאנד און זייערע נאהנטע וואלגערן זיך ערגיץ וואו אין שטעטין.

די פינלענדישע יודען זארגען פאר די אנגעקומענע פליטים. מעהרערע פאמיליעס האבען גענומען צו זיך איינצעלנע פערזאנען און די איבריגע זענען דערווייל איינפלאצירט אין דער יודישער שול אין העלסינגפארס און פאר זיי זארגט די יודישע קהלה. די אויסהאלטונג פון די פליטים פערלאנגט געוויסע מאטעריעלע קרבנות פון קליינעם יודישען קיבוץ אין פינלאנד, וועלכער אונטערשטיצט מיט א ברייטער האנד די גערודפטע. גלייכצייטיג בעמיהט זיך די יודישע קהלה דערפאר, אז די יודישע פליטים זאלען האבען די מעגליכקייט ערגיץ וואו אויסצוואנדערען, ווייל די קהלה האט געגעבען דער רעגירונג א פערפליכטונג, אז די עסטרייכישע יודען וועלען נישט בלייבען אין פינלאנד, נאר זיי וועלען אויסוואנדערען פון דאגען.

די אנטי-יודישע שטימונג אין לאנד פערשארפט זעהר שטארק די אנטיסעמיטישע פרעסע, וועלכע איז למשל די טעג ארויס מיט ויצעקו, אז קיין פינלאנד קלויבען זיך גאנצע טראנספארטען מיט דייטשע און עסטרייכישע יודען און אז פינלאנד דראהט „פערפלייצט צו ווערען פון יודען".

לויט ידיעות וואס זענען אנגעקומען קיין העלסינגפארס, זענען פון די 55 צוריקגעשיקטע עסטרייכישע יודען אנגעקומען אין שטעטין נאר 52.

דריי פליטים זענען אונטערוועגס פון העלסינגפארס קיין שטעטין אדער ריכטיגער געזאגט פון טאלין קיין שטעטין (דער דאמפער „אריאדנע" פאהרט קיין שטעטין איבער טאלין) פערשוואונדען געווארען. מען מיינט, אז זיי האבען זיך גענומען דאס לעבען אריינווארפענדיג זיך אין וואסער.

בשעת די פינלענדישע יודען האבען, בעת'ן איין-טאגיגען אויפענטהאלט פון די פליטים אויפ'ן דאמפער אין העלסינגפארס, געבראכט זיי עסען, האבען מעהרערע געבעטען מען זאל זיי ברענגען נישט עסען, נאר סם, כדי זיי זאלען זיך נעמען דאס לעבען.

מען רעכענט, אז די זעלביגע זענען אויפ'ן צוריקוועגס בעגאנגען זעלבסטמארד.

די פינלענדישע רעגירונג האט בעפולמעכטיגט איהר קאנסול אין שטעטין צו זארגען דערפאר, אז יודען זאלען נישט פאהרען מיט'ן דאמפער קיין פינלאנד, ווייל מען וועט זיי סיי ווי אויפ'ן ברעג נישט אראבלאזען. אויך די שיפס פארמ געזעלשאפט איז געבעטען געווארען צו ווארענען די יודישע פליטים, וואס ווילען פאהרען קיין פינלאנד, אז מען וועט זיי צוריקשיקען, הגם צווישען דייטשלאנד און פינלאנד זענען אבגעשאפט וויזעס. איהר האנדלונג מאטיווירט די פינלענדישע רעגירונג אפיציעל דערמיט, וואס אין אבמאך וועגען אבשאפען וויזעס צווישען ביידע לענדער איז פערהאן א פונקט, לויט וועלכען פינלאנד האט דאס רעכט נישט אריינצולאזען אין לאנד „נישט געוואונשענע עלעמענטען" און אלס אזעלכע ווערען דא בעטראכט די יודישע פליטים.

---

האט קיין צייט זיך אוועקצושטעלן טענה'ן מיט'ן יודען, האב איך איהם אזוי לויפענדיג געפרעגט וועגען וואס עס האנדעלט זיך. יענער האט מיך אבער אנגעכאפט ביים ארבעל און גייענדיג מיר דערצעהלט.

איהם וואונדערט, זאגט דער יוד, הלמאי, א שטאדט מיט רעליגיעזע יודען זאלען נישט לייגען קיין אכט, וואו זיי קויפען פלייש, און ס'טרעפט אפט מאל, אז זאגאר פרויען פון חסידי'שע מענער געהן אריין אין א טריפה'נער יאטקע אין קויפען פלייש און מיינען, אז עס איז כשר, אזוי האט געטראפען יענע וואך, אז איינער א חסידי'שער יוד האט געקויפט א טריפה'נעם לעקער און ערשט שפעטער האט ער זיך געכאפט, אז ער איז טריפה. א צווייטער האט געקויפט פלייש אויף א חתונה-מאלצייט און שפעטער ווען מען האט עס געוואלט קאכען האט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס פלייש איז פון א געשאסענער בהמה.

וואס זאל איך טהון? – פרעג איך דעם מיטגליד פון ועד הכשרות – צי זאל איך מיטגעהן מיט יעדער בעל-הבית'טע און איהר אנווייזען, וואו זי מעג קויפען כשר פלייש. ניין – דאס פערלאנגט קיינער נישט פון אייך – ענטפערט מיר דער יוד, מיר בעטען אייך נאר, אז איהר זאלט שרייבען, אז די יודען איבערהויפט די פרויען זאלען זיין פארזיכטיג ביים קויפען פלייש און נישט אריינפאלען אין קיין טריפה'נע יאטקעס.

ווען איך האב דעם יודען, אויפגעוויזען, אז מיר האבען אויף די שפאלטען פון אונזער צייטונג וועגען דעם די פינגער זיך אנגעשריבען און פונדעסטוועגען קוקען נישט יודען דערויף, האט ער געשאקעלט מיט'ן קאפ און אויסגעשריגען, אז דאס, וואס יודען ווערען אזוי ביי אונז לייכט נכשל אין כשרות וואונדערט איהם זעהר...

## א יוד מוז צאהלען...

דער היגער מאגיסטראט גיט אויס פאר'ן פוילישען שטאדטישען טעאטער א סך טויזענדער זלאטעס, פאר'ן יודישען טעאטער קיין גראשען נישט. אמאל אין יענע גוטע צייטען האט מען נאך געהאט די העזה צו פאדערען א פאר גילדען אויך פאר'ן יודישען טעאטער און מען האט טאקי בעקומען אויך, היינטיגע צייטען האט מען אפילו שוין נישט די העזה צו פאדערען. מען זעהט גערן, אז מען שטערט איבערהויפט נישט צו שפילען יודיש טעאטער (עס האט שוין דערביי געהאלטען אויך).

איין זאך אבער' פאדערען, אז דער מאגיסטראט זאל נישט נעמען קיין שטייערען פון יודיש טעאטער קען מען דאך יא און אויך דאס קען מען זיך נישט איינרעדען.

עס האט ביי אונז געגעבען עטליכע אויפטריטען די מייסטערען פון דער יודישער ביהנע אידא קאמינסקא, וועלכע האט, למשל, אין לעמבערג בעקומען א פרעמיע פאר איהר קינסטלערישע לייסטונגען און איז איינע פון די געצעהלטע ארטיסטינס און נישט נאר פון דער יודישער ביהנע, האט מען זיך בעמיהט, אז אויב דער מאגיסטראט גיט נישט אזא הויך קינסטלערישע טעאטער קיין סובסידיום, זאל זי כאטש בעפרייען פון שטייערען, נאר עס האט גאר נישט געהאלפען. מען האט אינטערוועניערט אפילו ביים שטאדט-פרעזידענט, וועלכער האט אגב צוגעזאגט עפעס צו טהון, פאקטיש אבער איז פון דעם אלעם גאר נישט געווארען. דער שטייער פון יודישען טעאטער האט געמוזט איינגעצאהלט ווערען ביז איין גראשען.

אז מען שמועסט שטיף קינדער איז דאך נישט שייך צו זאגען. א יוד מוז נאר שטענדיג צאהלען, געניסען אבער נישט.

## שטעהט אויף צו סליחות...

אט ערשט האט מען זיך געפרעגט מיט'ן ליבען זומער, וועלכער איז געווען מילד און ווארים און געוועקט האפנונגען און שוין הויבען זיך אן די טרויעריגע סליחות-טעג, ווען ס'ווערט קאלעמוטנע אויפ'ן הארצען און אין מח הויבען אן וועקען אומעטיגע געראנקען.

סליחה הייסט פערגעבען. די יודען בעטען צו די הימלען, אז מען זאל זיי מוחל זיין פאר די גרויסע חטאים וואס זיי בעגעהן א גאנץ יאהר.

כ'ווייס נישט פארוואס, מען האט ביי יודען דאס מסר'ען איינער דעם אנדערען אדער א גאנצע עדה אנגערופען מיט'ן זעלבען נאמען, ער האט „געסליחנט" ער איז א „סליחענער", נאר הפנים, אז דאס פאלקס ווערטיל איז א ריכטיגעס, ווייל דער וואס מסר'ט, און ביי אונז אין שטאדט ווייסען מיר דאך, אז ס'זענען פערהאנען א סך אזעלכע, וועלכע האבען זיך לעצטענס געשטעלט פאר אנ'אויפגאבע צו מסר'ן נישט נאר יחידים, נאר טאקי די גאנצע קהלה. אט די יעניגע פערשוינען קאנען נישט האבען קיין סליחה, זיי וועט נישט העלפען, וואס זיי וועלען פערגלאצען די אויגען און אויפשטעהן צו סליחות, ווייל פאר סליחענער איז קיין סליחה נישט דא.

אויב מיר האלטען שוין טאקי יא ביי די סליחות-טעג, וואלט נישט געשאדט, אז עס זאל דערהערט ווערען דער קול פון דער טשענסטאכאווער יודישער עדה, וועלכע זאל אויסשרייען צו די דאזיגע סליחענער: ארויס פון דער מחנה. זאלען זיי ווי מצורעים דערווייטערט ווערען פון יודישען לעבען. ליידער אבער ווערען אט די סליחענער ביי אונז נאך פעררעכענט צו די שעהנע יודען און זיי פרעטענדירען צו זיין די פאסטוכער פון יודישען קהל.

טרויעריג ווערט אויף דער נשמה, זעהענדיג ווי אזוי עס ווערט פערסמ'ט אונזער לעבען און און די דאזיגע גיפט-מישער זענען יודען.

שטעהט אויף צו סליחות...

## ווידער אבגעראטעוועט קהל'ס מקוה

וויניג צרות האבען די היינטיגע קהלה-מושלים דערמיט וואס א גרופע „כלל-טהוער" לייגען זיי שטיינער אויפ'ן וועג און דערלאזען נישט בשום אופן, אז די קהלה זאל קאנען פיהרען א נארמאלע ווירטשאפט, איז נאך צוגעקומען די מקוה צרה.

ווי איהר ווייסט, האט די אלטע קהלה-פערוואלטונג ארויפגעלייגט אויף דער מקוה א הויקער פון 100.000 זלאטעס, וועלכע זי האט געבארגט, גאט ווייסט צו וואס פארע צוועקען, ביי דער שטאדטישער קרעדיט-געזעלשאפט און פון דאמאלס אן קאן מען זיך נישט אבצאהלען. יעדעס יאהר מוז מען איינצאהלען שווערע טויזענדער און דער חוב ווערט אלץ נישט קלענער און היות ווי די זעלבע וועלכע האבען אנגעטהון דעם הויקער, דערלאזען נישט, אז די היינטיגע קהלה-פיהרער זאלען דעם הויקער אויסגלייכען, מאטערט זיך טאקי די היינטיגע קהלה אין לשער.

יעדע פאר חדשים סטראשעט די קרעדיט-געזעלשאפט, אז זי וועט ארויסשטעלען די מקוה אויף א ליציטאציע. מוז מען זיך שאפען א פאר גילדען, כדי זיי צו פערשטיפען ס'מויל און איידער מען קוקט זיך אום, דארף מען שוין ווידער צאהלען א ראטע. הויבט זיך אן א נייע לויפעניש מיט צוזאמענקראצען די פאר גראצער און מען שטופט עס ווידער אן אויף א ביסעל צייט.

די וואך דינסטאג איז געווען דער לעצטער טערמין פון דער ליציטאציע און היות ווי די זעלבע „גוטע פריינד" האבען זיך משתדל געווען, אז מען זאל דעם בודזשעט נישט בעשטעטיגען, איז נישט געווען קיין שום אויסזיכטען פון וואנען צו בעצאהלען די ראטע, נאר די לעצטע מינוט (אלעס געשעהט אין דער לעצטער מינוט), האבען די ה"ה: פרעזעס ראזענבערג, זשעריקער און שלאמעק שפאלטען (כאטש ער איז נישט קיין דאזאר, ארבייט ער מעהר ווי אלע דאזארעס צוזאמען) איז געלונגען צו שאפען א ביסעל געלד, כ'ווייס און אפשר האבען זיי גענומען פון זייערע אייגענע טאשען (אויף די אויבענדערמאנטע הערען איז דאס אויך צו גלויבען) און זיי האבען די גזירה פון דער מקוה-ליציטאציע ווידער אבגעשטעלט אויף א ביסעל צייט.

וואס וועט אבער זיין ווייטער? צו וואס אבער טראכטען וועגען מארגען. דערביי בין איך מודיע, אז קהל'ס מקוה איז ווידער אבגעראטעוועט געווארען.

לויתן

